STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02428

DI SHVESTER, ODER, DI BAS YEHIDE

Gershon Hayyim Lewner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דיא שוועסטער

אדער

דיא בת יחידה

אבשרייבונג פון צוויא אונגליקליכע ראמאניסטין
בילדער פונ'ם לעבען.

פון

ג. ח. לעוונער.

ווילנא

СЕСТРА.

Разсказъ Г. Х. Левнера.

Соб. изд. Л. Л. Маца.

ВИЛЬНА.
Типографія Л. Л. Маца, Завальная 30. [illegible]

1.

וואָרט בעסער.

צוויי אזייגער, נאך האלבע נאכט, איז פייוויל געקומען פון העאטער אויף זיין קוואטיר; לאנג, לאנג, האט פייוויל געקלאפט אין טיהר, אין דיא שויבען פון דיא פענסטער, אי פאמעלעך, אַ שטארק, געריפען, געשריען: "יאסיל עפין!" "יאסיל עפין!" ביז יאסיל האט דער הערט, זיך אויף געכאפט פון זיין שטארק געשמאקין שלאף, ארויף געדרייט דעם לעמפיל און גיעפינט דיא טיהר; פייוויל האט ניט אויסגעפייעט צוריק צו מאכין די טיהר, איז יאסיל שוין געלעגין, אויף זיין געלעגער, און מיט זיינע פאר קלעפטע, פאר שלאפענע אויגען, געקוקט אויף פייוולען.

פייוויל איז אַ יונגער מאן, פון אונגיפער איאהר דרייא און צוואנציג; ניט גאר קיין הויכער, ניט גאר קיין מאגערער, ער איז וויא מען זאגט: "יונג מיט פלייצעס, מען זעהט אז זיין יעדער האנד איז אַ[?] אן געגאסין מיט בלאי, ער איז געזונד און שטארק; זיין פנים ווייס[?] אוים געגען זיין נוף, עפעס וויא ניט נאך דער מאס; אַקיילעכדיגער פנים, אקליינער, ציינגעשטעקער, מיט צוויי שווארצע אויגען; צוויי געבויגענע וואנסיקלעך שווארצע, באדעקין זיין אויבערשטע ליפּ[?]; זיין בערדעלע, וואלט שוין לאנג גיזעהן דיא ליכטיגע וועלט, ווען דער מלאך המות — דיא בריטווע — זאל ניט זיין אויף דער וועלט. —

פייוויל און יאסיל, זיינען ביידע שוועסטער קינדער, ביידע גוטע בעלי מלאכות סטאליארעס, זייא ארבעטין ביידע באי איין בעל הבית, שוין פינף יאהר צייט; דרייא יאהר אלעם לעריינגלעך, און צוויי יאהר, פון יעדער שטיק ארבעט; זייא פאר דינען זייער

נוט, פּיוויל האָט זיין געלט, טויזענט רובל אין באַנק, יאָסיל האָט זיין אייגנס אַרובל זעקס הונדערט; ביידע זייגען שטילע, ערליכע פיינע קינדער; יעדער קאָן שרייבן, לייענען, רעכענען; יאָסיל איז מיט צוויי יאָהר אינגער פון פּיוולען. —

פּיוויל האָט פאַר רייכערט אַפּאַפּיראָס, און אָנגעהויבן גיין איבערן צימער, הין און צו ריק; פון זיין רייכערן האָט מען געקאָנט באַמערקן, אַז ער איז שטאַרק צורודערט; פאַר אַפערטל שעה צייט, האָט ער אויסגערייכערט פון זיבען ביז אַכט פּאַפּיראָסן; טיילע ווייז האָט ער דעם רויך זאַכט געצויגן, ביז דער פייער פלעגט זיך אויס לעשן, און טיילע ווייז נאָך אַנאַנד, אויס רייכערן אַפּאַפּיראָס איינעם נאָכן צוויי-טין כּהרף עין; אַרנע פלעגט ער גיין, מיט ברייטע האַרטע טריט, זיך אויס דרייען מיט אַ"מאַנעווראַ" פון אַסאָלדאַט, מיט שפּאַלן, מיט גאוה, ווי איינער וואָס האָט באַי זיך באַשטימט אויך, אַז אַזוי מוז, און אַזוי וועט זיין; אַ 2-טע רגע, איז ער געגאַנגען זאַכט, פּאַמעלעך, מיט אַגעבויגענעם קאָפּ, ווי איינער וואָס ווייס אַז ער לעבט אין חלום:.. אין דמיון, זיינע מחשבות האָבן אים פאַרפירט; אָבער אין אמת'ן, וועט ער זיין רצון, זיין וואונש, עוויג עוויג, ניט גרייכען!—

— "וואָס גייסט דו אום פּיוויל, ווי צו חלום?" האָט יאָסיל געפרעגט: "דער טהעאַטער פּלאָנטערט זיך דיר אין קאָפּ?"...

עס קאָן זיין, אַז פּיוויל האָט ניט געהערט יאָסילס פראַגע, דעריבער האָט ער אים ניט געענטפערט, און האָט געדרייט אַנייע פּאַפּיראָסקע.

— "איך פרעג דיר פּיוויל, וואָס טראַכטסט דו? וואָס מעסטסט דו דעם צימער?"

— "דו פרעגסט מיר עפּעס? האַ? יאָסילע מיר פרעגסט דו?" האָט פּיוויל זיך אָפּ שטעלענדיג באַי יאָסילס נילענער — געזאָגט: "אָדער ניט מיר."

(די שוועסטער)

אשטיינער

— אשטיינער דיר! וועמען דען, דיא וואנד? דיא איזערנע בעטל? דיר פרעג איך, ווארום לייגסט דו זיך ניט שלאפען? דוא האסט אפנים, פון גרויס חדוה, פאר געסין, אז מארגען האבין מיר פארטיג צו מאכין דריי שטיק ארבעט!...

— איך וועל מארגען ניט ארבעטין!„ האט פייוויל געזאגט, פעסט בעשטימט.

— אזוי גוט געפעלט דיר, דער טהעאטער?...

— דאס איז מיין עסק!

און איך מיין פייוויל, אז אוים רוהען די ביינער, און פאר דינגען מארגען פאר דיא דריי שטיק ארבעט דריי פינפערלעך, איז מער עסק! וויא מיינסט דו?

— דריי פינפער?...

— אשטיינער דריי! איך האב אזוי בעדונגען, און צוא געזאגט דעם בעל הבית, מארגען פארטיג צו מאכין.

— דיא ארבעט וועט ניט אנטלויפען, ער וועט ווארטען נאך אטאג!

— און דער טהעאטער, פייוויל, וועט יא אנטלויפען?...

— עס קאן זיין, אז יא, הער יאסיל, מיש מיר ניט... איך בעט דיר!

און איך בעט דיר פייוועלע, גיב אהער ברודערל מיינע צוויי רובל פאר דעם בילעט!

— איך האב אים ניט פאר קויפט...

— גיב אהער דעם בילעט...

— איך האב אים אזוי אוועק געגעבען... פשוט אוועק געשאנקען...

— שיינקען? ברודערקע שיינקסט מען איינענע; דוא האסט געזעהען אז איך בין ניט געקומען, האסט דו געדארפט מיין בילעט פאר קויפען, ווייניג בעלנים זיינען תמיד דא? אלא איז ניט געוועזען

קיין קונה, בינו דו מחויב מיר אפ געבען מיין בילעט, איך האב רעכט דיר ניט צו גלויבען...

— איך צאהל דיר אפ דיינע צוויי רובל, און ווי ניט קיין מוכיח!"

— איך שיינק דיר דעם בילעט, נאר בתנאי דער צייל מיר, וועטען האסט דו אוועק געשאקען פון ארט... מסתמא ניט אביא וועמען...

— דער ציילין וועל איך דיר יאסיל, נאר היינט ווייס איך ניט, זאל געדויערן נאך א טאג אדער צוויי.

— אהא! איך הייב שוין אן, טרעפין...

— טרעף ניט ברודער, ווארט בעסער!

— נו... דארף מען ווארטין!" האט יאסיל געזאגט, אריבער ציהענדיג די קאלדרע איבערין קאפ. מיט א האלבע שעה שפעטער, זיינע ביידע שוועסטער קינדער געלעגין יעדער אויף זיין בעטל, און שטארק געכראפעט.

2.

ווער איז מיינער.

— "שלום עליכם זעליג! שלום עליכם! וואס מאכסטו דו ברודער? וויא גייט דיר? א, "שוין א צייט, א צייט האב איך דיר ניט געזעהן!"

— "עליכם שלום, יאסילע! עליכם שלום, וואס מאכסטו דו? וואס מאכט פייוויל? וויא גייט אייך?"

דעם דאזיגען אנטוואָרט האט געגעבען, צהויבער יונגער מאן, א בכייט פלייציגער: פון זיין נאטור שווארצין פנים, וועלכער איז באדעקט מיט א בערדיל פון שווארצע האאר, איז צו זעהן אז ער איז ניט מער, וויא א יאהר 25; אלע זיינע אברים זאגין עדות אז

מען האט אים קיין מאל ניט גיצעלט , ניט אין טילה האט מען אים געבאדין , און ניט מיט פארטער-טיין אויף געצווינגען ; נאר נאך אלעם דעם, ליגט אויף זיין פנים אסאך חן, פון זיינע אויגען זעהט מען, אז ער איז ניט קיין הארטער גיט קיין שלעכטער מאנש ; ארבה , אפריינדליבער , אגוטער ברודער , מיט יעדערין און מיט אלעמען .

— אט , וויא דו זעהסט , גוטער ברודער !, האט יאסיל געזאגט : מען ארבעט , מען הארעוועט . . . און דו ? ווי גייט דיין שלעסארנע ? מאכסט דוא גוטער ברודער , גוטע געשעפטין , ביזט דו שוין אפשר אחתן געווארין ? איך וויים ? אחדשים 2 איז שוין געווים דא , וואס מיר האבין זיך ניט גיזעהן !

— גאנץ ריכטיג יאסילע , אקאראט 2 חדשים , האבין מיר זיך ניט גיזעהן , די געשעפטין ברודער זיינען איצט ניט נאר צום בעסטין ; ארבעט אין מיין שלעסארנע האב איך גענוג , 3 מאנשין ארבעטין , איך דארף אבער נאך צוויי , און באקום ניט ; מען האט צרות פון זייא ! . . .

— די צרות קאן מען איבער טראגין ! האט יאסיל מיט אשמייכל געזאגט .

— וואו איז דאס פייוויל ? פאר וואס זעה איך אים ניט ?

— ער רוהט זיך אפ . . . 2 אזייגער איז ער פון טהעאטער געקומען . . . 3 . זיך גיליינט , אט שלאפט ער איצט געשמאק .

— וועק אים אויף , דער זייגער איז שוין צעהן .

— לאז ער זיך אויס שלאפין , וועט אים דער טם קלערער זיין ...

— ווערט ער אפשר אחתן ? הא , יאסילע !

— איך וויים ניט , נאר ווי מיר ווייזט אויס , האט ער נעכטין אין טהעאטער געזאפט "אזעהענעש" אדער "אפאנגעגעש" , עפעס איז דארטין געווען . . . און דוא גוטער ברודער , זאג דעם אמת , ביזט ניט געקומען אונז רופין אויף אתנאים באי דיר ? . . .

— רופין אייך , מיינע ליבע ברידער , וועל איך מסתמא געוויס ,

נאר

(די שוועסטער)

נאָר איך ווייס ניט בעשטימט נעך ; אתתן בין איך שוין !

— הערסט ! און שווייגט ! מזל טוב דיר, איך ווינש דיר גליק, נחת, כבוד מיט כל טוב, ביז אייער טיפֿסטן עלטער !

— „איך דאנק דיר גוטער ברודער !„ האט זעליג אויסשטעקנדיג זיין האנד צו יאסלען געזאגט : איך דאנק דיר פאר דיינע גוטע ווערטער, איך ווייס פון אלע מאל, אז דו ביזט א גוטער ברודער, פון גרונד הארצען.

— וועל איך האבן, די זכיה, דו זאלסט מיר מיט דיין כלה געקאנען ?

— וואס פאר א ריידע יאסילע ? איצט איז נאך פריהש דיא נאך, [illegible] א וואך פינף, ווי איך בין אתתן געווארן זאל נאך א ביסילע געדויערן . . .

— נעמסט דו, ווייא איך פאר שטעה, א גרויספארטיגע כלה ! מה ? זאג זעליג, בודאי א געענדיגטע ! א גימנאזיסטקע !

— א געלערינטע איז זיא געוויס, צו זיא האט געענדיגט גימנאזיע, אבער ניט דאס, ווייס איך ניט, און קיין ווערטע איז זיא אויך ניט . . .

— וואס איך חשר ?

— גאנץ ריכטיג !

— איז זיא א היגע אין אסטעבארין ?

— א היגע ! איהרע עלטערין זיינען אמאל געוועזן ליטוואקעס ; איהר מוטער איז מיט פינף יאהר צוריק געשטארבען, זי איז א בת יחידה . . .

— האט זיא מסתמא א שטיפמאמע, אמרשעת, איך פאר שטעה שוין . . . דאס איז דיא געוויסע חתונה . . . א ביא ארויס געשטופט . . . חתונה געמאכט !

— ניין יאסילע, בודקע ניט ! צו ליב איהר, איז דער פאטער עד עתה אין אלמן, אז זיא וועט חתונה האבען, קאן זיין ווער נאך . . .

(דיא שוועסטער)

און

— און דער פאטער איז נאך איונגער מאן? האט ער נאך קינדער, זיהן?

— אמאנש פון איאהר זעכציג געווים, קיינע זיהן, און קיינע טאכטער, זיא איז באי אים איין אמתע בת יחידה, און אדייכער מאנש איז ער אויך, וויא מען האט מיר געזאגט, פאר מאגט דער אלטער אהונדערט טויזענט רובל.

— זעליג!...

— וואס יאסילע?

— זאג מיר גוטער ברודער, נעם נאר ניט פאר אומגוט, נעכטין באי נאכט האסט דו ניט געלייענט דיא מעשה, מיט דעם "רייכין בעטלער, אדער מיט טויזענט איין נאכט? איז דאס ניט אחלום?...

— דוא ווילסט יאסילע זאגין איינע פון די גיידע! תאט זעליג, מיט אליבין שטייכל געזאגט: אדער דאס איז אחלום, און אז ניט, אשגעון... פראסט אמשוגעת!... וויא קום איך פראסטער שלאססער, נעמען אנגעלערינטע מיידל, אבת יחידה, אנבירש אטאכטער?... היתכן איז אין גאנץ אספעדא מיט איר סביבה, אעקרות אויף חתנים געווארין?

— אמת, ברודער! דו פאר שטעהסט מיר זייער ריכטיג!

— זאל דיר מיין ליבער יאסילע ניט חדושין! אין דער וועלט טרעפין צוויי אומגליכע זאכין, און איינע צו דיא צווייטע ניינען כלל ניט גלייך; איינע מאגין מיר גלויבין און דיא צווייטע טארין מיר ניט גלויבען, אויב מיר ווילין ניט, אז מען זאל אונז רופין משוגעים, מטורפים! — שטעל זיך פאר יאסילע, אז איך זאל דיר דער ציילין אזא מין ספור: אקוה איז געפלויגען איבערין דאך, פליהענדיג האט זיא אוים געלייגט אגרויסע איי, דיא איי איז אראפ געפאלין, און האט איין געבראכין זעכציג הייזער, און איז איינגעזונקען אין דער ערד פערציג קלאפטער טיף! ווער עס

זאל גלויבען אזעלכע חבלים, יענעם מאג מען רופן משוגע מטורף בכל תפוצות ישראל; אזעלכע זאכן געפינט זיך ניט אין דער נאטור, און דאס איז כולו שקר! — אז איך אדער איין אנדערער זאל דיר דער ציילן, "אז א זערע, איז מיט איין מאל נעלם געווארן: פון דעם דאזיגן ים וואסער איז געבליבן אפילו בלאטע, מיט א פאר מנינים ושאבעס, און אוים! דאס איז זייער אונגלויבליך, זייער חדושדיג, נאר קוים ווייסט דוא אז דער, וואס דער ציילט דיר, איז ניט קיין ליגנער, ניט קיין פלוט, און ניט קיין "באלבעטון" מאנסט דו — גלויבן, און דארפסט גלויבען! ווייל אזעלכע מקרים געפינען זיך אין דער טבע, אין די נאטור, ווען אויך זעלטען, אבער טרעפין טרעפט דאס! קיינער וועט ניט צווייפלען, אז א סבה, איז דער באי געווען, פור פלאט איז די גרויסע א זערע, ניט נעלם געווארן, און אז מען זוכט דיא סבה, געוויס געפינט מען; נאר ניט דעם וואס דער ציילט, און ניט דעם וואס "גלויבט" וועט קיינער ניט רופן, ניט משוגע, און ניט מטורף! איצט מיין ליבער יאסילע, וועסט דוא פארשטעהן, אז א שיינע רייכע מיידל, זאל נעמען א חתן, ניט קיין רייכן, ניט קיין גילערנטן, נאר א פראסטן שלאסער, איז טאקע דעם זייטיגן מאנשין א חדוש, נאר דאס איז ניט איבער נאטירליך; אין דער וועלט, טרעפט פיל אזעלכעס! אנבירס א שאכטער זאל נעמען א פאסטוך? א בת מלכה זאל נעמען, איך ווייס וועמען! אבער צום ספור פון "אקוה איז נעפלוינין" איז דאס ניט קיין גלייבענעס; קיין ביידע ניט, מיין שדוך איז אויך מיט א סיבה, דורך א סבה זאך איז ער געווארן: אין פלוק, איז די עצם סבה א קליינקייט, אנארעשקייט, נאר ווער ווייס ניט, אז דיא "קליינקייטן" און "נארעשקייטן" שפילן אין דער וועלט פון צוויג דיא גרעסטע ראללע, באי אלע העכסטע ענינים; און זייא האבין חרב א וועלט און בויען א וועלט!

(דיא שוועסטער)

— נו . : . דער צייל זעלינג , דער צייל דיא סבה , אפשר וועט זיך מיר אויך אמאל טרעפין אזא סבה ! דוא ווייסט ? מיר גיפעלט דאס בעסער , וויא צו ארבעטין מבוקר עד ערב , מיט שוויים מיט גאל ; און לעבען הונדערט טויזענט רוביל אן אסבה , איז ווייניג דיא יארין פון פערציג מתושלחס ...

— ווילסט דוא גוטער ברודער , אז איך זאל דיר דערציילין , זעטין זיך אנידער , אונ הער וואָרט אין וואָרט .

— רעכט !" האט יאסיל אשמיץ געבענדיג דעם הוביל פון האנד גיזאגט : „מיט דיא ווילע הערין , קאן איך פאר דינען מער , וויא פון דיא ארבעט פון אגאנץ יאהר ! דער צייל , איך הער".

— מיט איוואך זעקס צוריק ; האט זעלינג אנגעהייבין זיין ספור ; בין איך גיוועזן לא עליך'דיג , גיט גיזונד ; דער קאפ האט ווייא גיטאן , דיא ביינער האבין גיבראכין , בקצור איך האב גיט גיארבעט , אונ כדי גיט צו ליגין , האב איך מיר אוועקגישלעפט אין בולוואר ; אומגייענדיג צביסיל , בין איך זייער מיד גיווארין , אונ האב זיך צו גישלעפט צו אבאנק . אונטער אגרויסען געדיכטין בוים , אונ זיך גיזעצט . אשעה צייט בין איך מיר , מיט פארגניגען גיזעסין , אונ האב אנגעהייבין קלערין פון גיין אהיים , דער טיילע זעה איך , אפביילין גייט ; צו מיר האט זיך מיר גיבאכט זיא איז אבעקאנטע , אדער דער ספק וועהען וועגן דאס איז , האט מיר אפ גיהאלטין , וויא דאס איז . איך בין געבליבין זיצין , זיא איז מיר פאר בייא געגאנגען גאנץ נאהענט , אונ ארויס סאפענדיג , איר טאשין-טיכיל , פון קעשענע (מסתמא האט זיא גידארפט) ... איז נאהענט בייא מיינע פיס , אראפ גיפאלין אקליין טייסטעריל , וועלכען זיא האט אונוויסענד ארויס גישלעפט צו זאמען מיט דיא טאשין טיכיל ; איך האב אים אויף געהייבען . גיעפינט , אונ דער וועהען ארוביל פאפיר געלט , צוויא זילבערנע פיטאקילעך , אונ אגאלדענעם פינגעריל , מיט אנגעשליפין שטיינדל אדער גלעזיל ; מיין ערשטער רעיון איז גיוועזן , מען דארף אפ געבין ז"

„זיא איז געוויס ניט קיין רייכע מיידעל!“ אונ האב באלד אן געזאגט די מיידיל, זיא אפ גישטעלט מיט די ווערטער: „ניט נעמט, בעסטע פריילין פאר אומגוט, אויף מיין פראגע, איהר האט נאר וואס, קיין זאך ניט פאר לארין?“ די פריילין האט איהרע צוויא שיינע אויגען אויס גישטעלט אויף מיר, אונ ווייס ווערענדיג וויא קאלך, האט זיא זיך מאפענדיג צום קעשענע געזאגט: א, גאט! מיין טייסטערל!“ זאגענדיג דיא אלע ריכטיגע סימנים. האב איך זיא אפ גיגעבען דעם היזק; זיא האט מיר גיגעבען איר האנד, זייער גידאנקט, אונ דער ביא, זיך צו וויינט...

„אפנים אז מיין ערשטע מחשבה איז ריכטיג!“ האב איך גיטראכט; „דיא גאנצע אבדה באטרעפט ארובל זעקס, מער געוויס ניט, דער גליק פאר דינט ניט קיין פרייד, דער אונגליק קיין צער, וויינען דעריבער געוויס ניט!... נאר ביא ארעמע מענשען, איז 6 רובל אויך אגרויסער איינענס. ארעמע אונגליקליכע מענשין!“

— „גיאכטעטע פריילין!“ האב איך גערידט פון אירע טרערין גיזאגט: ניט דער היזק, אונ ניט די מציאה, ווע דאס זאל אפילו 10 רובל ווערט זיין, פאר דינט איין טרער אייערן!

— „גיאכטעטער הער!“ האט די פריילין אויס ווישענדיג איהרע אויגען גיזאגט: ווען אויך איר זיינט מיר גאנץ פרעמד אונ אומבעקאנט, ניט איך בין מחויב, אב געבין פאר אייך ארעבענונג, וואס מיינע טרערין בעדייטען, אויך איהר פאדערט דאס ניט, אונ זיינט ניט מחויב וויסין זייער בעדייטונג, דאך בעט איך אייך, אן איז אבאנק, מיר וועלין זיך ארענגעלע זעטצין, אונ איך מוז אייך דער-ציילען...

— „אינטערעסנע, זייער, אינטערעסנע!“ האט יאסיל געזאגט: דער צייל גוטער ברודער, דער צייל איך הע...

יאסיל האט ניט גיענדיגט דעם ווארט „הער“ ווייל די טיהר פון די באבאטשע האט זיך גיעפינט, עס איז אריין גיקומען איינגע (דיא שוועסטער

שיינע מיידעל פון אזאהר אכטצעהן, וויער פיין גיקליידעט; זעליג איז געבליבען זיטצען אפארקילטער, איהם האט זיך גידאכט דאס איז זיין כלה... אונ יאסיל איז וויא אבליץ צו גיפלויגן צו איר, אומגיהאלזט, זיא באשאטין מיט קוססין, אונ זיך צו וויינט.

— „גיט וויין, מיין ברודער, ניט וויין!“ האט דיא מיידיל מיט אחנוודיגע שמייכל גיזאגט: „גילויבט איז גאט, וואס מען איז גיזונד, וואס מען לעבט, וויינען ווערסט דו צייט האבין דענסטמאל, אז איך וועל דיר קאסטען עטליכע רוביל...

— „האסט אמשעות מיין ליבע שוועסטער!“ האט יאסיל גיזאגט: איך וויין, וואס איך בין מחויב זיך היטין, אונ האלטין מיט דיא עטליכע הונדערט רוביל דיינע... פאר וואס האסט דוא זיא שוין לאנג ניט אפ גינומען...

א, מיין שוועסטער, פאר דיא פאר יאהר, וואס מיר האבין זיך ניט גיזעהען, ביזט דו אגאנצע בארישנע גיווארין! יא מחשבותנע, מען דארף אייך באקענען.

— זעליג כסילאוו! — רבקה ערלעבעקינד! האבין דיא יונגע אונבעקאנטע מענשין גיזאגט יעדער זיין נאמען אין פאמיליע, געבענדיג זיך דיא הענד.

זעליג האט זיך באלד אפ גיזעגינט מיט דעם ברודער אונ שוועסטער, מיט דיא הבטחה קומען ווידער היינט פון אוועגד, ענדיגין זיין ספור, אונ אוועק גיגאנגען אהיים.

— „וויא גליקליך איז דער מענש! האט זעליג גיטראכט גייענדיג: וואס האט אזא ליבע שוועסטער, וואס האט אפריינד אקרוב, פאר וועמען אוים ביידין אוים דער ציילין, אוים גיססען, דיא פוללע איבער פוללע הארץ; אבער עלענדער, וועמעס בין איך? אונ ווער איז מיינער?...

(דיא שוועסטער)

ווייער

3

זייט פרידען .

כמעט ביז עלף אזייגער אויפ׳ן טאג , איז פייוויל גישלאפען ;
ביז דרייא האט ער זיך אפ גיפאר־טיגט . מיט דעם עסין טרינקען .
אונ אויס פוצין זיך ; עטליכע מאל זיך בעטראכט אין שפיגיל ,
גענומען דעם שטעקעלע אין האנד , אוועק אין בולוואר , אשעה
צייט , אדער מער , האט זיך פייוויל גערדרייט צווישען אלע שטענגלאך
אונ וועגעלאך פון גרויסין לאנגען בולוואר . וויא איינע וואס זוכט
עפעס , וויא איינער וואס ערווארטעט וועמען ניט איז , וויא איינער
וואס איז זייער גערין , געפינען באגעגינען , וואס איס איז גייטיג
בייא פייוולען אויפ׳ן פנים איז גילעגין , אמין פאר דראס , אפרונג ;
ער איז גיוועזען אין כעס אויף דיא גאנצע וועלט , אויף געבטינין
אוועד , אונ אויף זיך אליין .

— זאל אט דער מענש , אט דער עדעלמאן , זיין אלינגער ,
אשקרן ? . . . . ניין , איך קאן דאס ניט גלויבין ! ניט איך האב אים
פאר דעם צווג געצויגען , ניט איך , האב בייא אים חוקר ודורש
גיוועזען ווער ער איז אונ ווער איז זיין שוועסטער ? ניט איך האב
אים גיבעטין , אז מיר זאלין זיך היינט דא זעהען , מיר האבין
וואס נייטיגעס צו ריידין ! . . . זאל דאס זיין גלאט אחניפה , פאר
דעם לייריגין ארט , וואס איך האב זיין שוועסטער אין טהעאטער
אפ גיגעבין אומזיסט ? איז אויך ניט גלויבינ ! ער אונ זיא , האבין
מיר פאר דעם חסד אבגעדאנקט זייער פיין , אונ גענוג ! . . . . ווער
האט אידם גיבעטין , אז מיר זאלין זיך היינט אצווייטען מאל
זעהען ? ניין , עפעס איז אין דעם יא פאראן אפינטיל , אכוונה , וואס
איז כדאי נאך ווארטין , ווארטין ביז בייא נאכט , אונ וויסען . . .
מיט דיא מחשבות איז פייוויל גיגעסין אויף אבאנק , אונ כדי דיא
צייט צו פאר טרייבין , האט ער אנגעהייבען דרייען אפאפירָאס . . .

ש׳ (דיא שוועסטער)

ער האט אבער זיין ארבעט ניט געענדיגט, האט ער דער זעהען, פון ווייטען. דער ברודער מיט דיא שוועסטער גייען גלייך צוא איהם . . .

עס איז ניט איבעריג, איידער זייא גייען צו זאלין מיר זייא אביסעלע בעטראכטען, דער ברודער איז אמענש פון אנאהר 60 אהויכער אדיקער, מיט אהאלב גראהע באָרד, אביסעלע גישארען; זיין אויג שמייכעלט, זיין קוק בריהט, אויף זיינע ליפין ליגט אזא מין תנועה, וואס מען קאן ניט בעשטיממען וואס דאס איז; גיקליידעט איז ער איינפאך ביין ציכטיג. די שוועסטער איז אמיידיל פון אנאהר צוואנציג, איר ווייסער לאנגליכער פנים, איז פול מיט חן, איהרע צווייא בלאהע אויגען, שיינען שענער פון צווייא ליכטיגע שטערין, זיא איז אויך זייער איינפאך געקליידעט, ווייא איינע וואס איז ניט פון רייכען שטאנד.

— „אנוטער אוועגד אייך, הער פייוויל טשבשאנויטש!“ האט דער צו קומענדער גיזאגט: „איהר האט אייך דער ווארט?“ . . .

— „אנוטער יאהר אייך, הערר מענדיל דרייקאפ!“ האט פייוויל זיך שטעלענדיג לכבוד דיא געסט. אונ געבענדיג זיין האנד געזאגט; יא, איך ערווארטע אייך א שעה צייט געוויס, אויב ניט מער!“ אונ איהר מאדאמאזעל ליזע, זיינט איהר פאלקאם געזונד? . . .

נאך דעם העבסט פריינדליכין „שלום עליכם“ האבין זיך אלע דרייא גיזעצט אויפין באנק, אויף וועלכען פייוויל איז גיזעסין.

— „געכטין בייא אונזער ערשטע בעקאנטשאפט!“ האט מענדיל דרייקאפ אנגעהויבען ביידין איינציגע ווערטער: האב איך גיפרעגט ניט מער, אויף אייער נאמען אונ פאמיליע, איצט האב איך דיא עהרע, אייך פרעגין, מיט וואס האנדעלט איהר? וואס איז אייער גישעפט? . . .

— „מיין גישעפט?“ האט פייוויל רוימעוועדיג גיזאגט. איז קיין גישעפט! . . . איך בין, מיין ליבער הערר דרייקאפ, אבעל מלאכה, אסטאליאר, איהר זעהט? (דער בייא האט ער אים געוויזען (דיא שוועסטער)

דינע

זיינע הענט, מיט די צווייטע מאַזאָלעס)... מיינע אַרבעט הענד? מיר גלויבט מיר, אַז פיל גישעפט מענשין, מיט זייערע ווייס קלאָרע צאַרטע הענד, זיינען מיר מקנא, ניט איך זיי... פאַר 2—3 יאָהר צייט, האָב איך, ביי אַ גאַנצע שלעכטע יאָהרען, אָפגעליינט פֿון זעלף הונגערטער!... אונ האָב ביי אַבעסערע צייט, צוא פאַר דינען מער.

— „זייער פיין, זייער פיין, ליבער טאַפשאוויטש!" האָט מענדיל גיזאָגט: דאָס מאַכט אייך פיהל עהרע, היינטיגע צייטען איז מלאכה אויף די העכסטע מדרגה! איין ערליכער מענש אַבעל מלאכה, פאַר דינט מער כבוד, מער עהרענגעפיהל פון בעקוטין גישעפטס מאַן! אַ, די גישעפטין! די גישעפטין! איך אַליין בין אויך מיין ליבער אַבעל מלאכה, איך בין אַבוך בינדער, אונ מיט מיין מלאכה שטאָלציר איך... אפילו מיין שוועסטער, קאַן אויך בוכבינדעריי!

— „ווירקליך?"... האָט פייוויל אויס גישריען מיט אַזאַ שמחה, מיט אַזאַ פרייד, גלייך ווי ער וואָלט פון הימיל פאַלענדיג, אַראָפ פאַלין גלייך צו זיך אין שטוב, צווישין אייגענע מענשין, ער האָט פריי אויף געאָטהעמט. — ווירקליך? ריכטיג! זיינט איר אויך...

— יאַ מיין ליבער, מיר זיינען אויך בעלי מלאכות, פראָסטע אַרבעטס מענשין, אָן קונצין, אָן פליטערלעך, אונ עהרען אונ ליבען אונזער וואָרט מער פון אַנדערע; איך בין ניט קיין גרייבער מאַן, איך קאַן מיין שוועסטער ליזין, ניט מיט פיל באַהילפינ דין, מען רעדט איר סתּגים מיט גישעפט מענשין וואָס ווילין זיא נעמען, ווייל זיא שטייט אוג גייט, נאָר ניט איך, אונ ניט זיא זיינען דער מיט צו פרידין; מיר ווילין אַמענשין, פון אונזערע מענשין, איין ערליכען, אַשטילין, אַגוטין בעל מלאכה, אַביווּעלכע עם איז אַמלאכה, אָט דאָס איז אונזער אידעאַל, (צ"ל) סיידין.. סיידין אַז אַזאַ בעל מלאכה וועט פאָדערין פון אונז אַסאַך נדן, וואָס איך בין ניט קיבולת געבין...

— איך גלויב, אַז פון אונזערע בעלי מלאכות, ניט כלל ניט

(די שוועסטער

אזעלכע

אזעלכע נארישע מענשען !„ האט פייוויל מיט שמאלץ געזאגט : וואס זאלען פון אייך פאדערן, צו אייער שוועסטער — גלן ?

— מיינט איהר ליבער פייוויל אזוי ריכטיג !

— גאנץ ערנסט !

— איך דאנק אייך ליבער טפשאוויטש !... איצט וועל איך אייך, נאך מער דער ציילען, אז מיר קאנען אייך שוין פון אחודש צייט ...

— וואס איך הער ?...

— אשדכען האט אייך פאר געשטעלט, פאר אונז, גאנץ ריכטיג וויא איר זיינט ; דער שדכן איז מיינער אבעקאנטער אונ ווייס וואס איך ווינש אונ פארלאנג ; צייט דענסטמאל, האבין מיר אייך גיט צראפ גילאזין פון אויג ...

— א הא ... איצט איז מיר רעכט אסאך זאכין ...

— איצט מיין ליבער טפשאוויטש ... קאנען מיר זיך באגיין אן שדכן, יענער האט אנגעהייבען, אונ איך וועל ענדיגין, זאגט אייער מיינונג גאנץ אפענטליך, ווילט איר זיין מיין שוועסטערס חתן ? איהר מיינונג איז ביי מיר !

וואס זאל איך אייך זאגין ? מיט מיין גאנצען לעבען !

— גינוג ! איין ווארט אונ רעכט, גיט מיר אייער האנד, אונ דוא ליזע גיב מיר דיין האנד !...

מענדל האט צו זאמען גינומען פייוולס מיט ליזעס האנד, דיא הענד האבין זיך צו זאמען גישלאסין ; מיט זיין גרויסע באזאלעדיגע האנד האט פייוויל פעסט גיהאלטען ליזעס עדעלע, נארעמע, ווייכע הענטיל, דער ברודער האט אויבין ארויף געלייגט זיין האנד זאגענדיג : מיר דארפין ניט, קיין קנס מאל, קיין תנאים, קיין עדות ; הימיל אונ ערד, דיא אלע בוימער אונ גראזין דיא אלע פויגלען, פליגעלעך אונ בלומעלעך, זיינען דיא עדות, פון אייער הײליגען, עווינין בונד ! שעמט אייך ניט מיינע ליבע, אונ זענעלט אויף דעם בונד דעם ערשטין ריינסטין הייליגסטען קוס ! דיא טייע עצה איז חתן כלה זייער געפעליג גיוועזן ; אונטער דעם הויכין

נעריכטען בוים, וואס דער אָוועגד מיט זיינע דונקעלע פליגעל,
האט איהם היפש פינסטער גימאכט, האט זיך גיהערט אקלינגעדיגער
קוס; און אלע פויגעלעך, פליגעלעך און מילבעלעך, האבין מסתמא
אונטער גיטאנצט יעדער אין זיין ווינקעלע, פון גרויס שמחה; אויפין
נאס איז גיוועז פינסטער, נאר ביא פייוולען אין הארצין — ליכטיג!
אין דרויסין איז גיווארען אָוועגד, ביי פייוולען האט אנגעהייבין טאגין!
נאר אקליינע ווילע זיינען חתן כלה גיזעסין פעסט גיארעמט;
דער נאך האט פייוויל גיבעטין מען זאל אריין גיין ערגעץ אין
באסטיראציאן אביסעלע פאר בייסין, מאכין א לחיים.
זיין בקשה איז ערפילט גיווארען.
מיט אהאלב שעה שפעטער, זיינען זיא אלע דרייא גיזעסין
אין אלמאכטיגען אגרויסין צימער ביא אטיש אויף וועלכען עס
זיינען גישטאנען איינגע פלאש וויין, מיט אנדערע משקאות, און
מאכלים, דיא דרייא גליקליכע צופרידענע מענשין, האבין זייער
פרייליך פארבראכט, אפגירעדט אויף מארגין פאר נאכט ווידער
אהער, פייוויל האט מבטיח גיווען בריינגען מארגין אהונדערטער,
דיא כלה, זיא זאל זיך קויפין, וואס איר איז נייטיג, וואס זיא
פאר שטייט; מען האט זיך צו קוסט, צו זעגינט, און מען איז
גענאנגען אהיים.
פאר דיא פאר שעה פארגענינגען, האט פייוויל אפ גיצאלט
צעהען רובל מיט קאפיקעס. פייוויל איז גיקומען אהיים, זייער
פריילך, זייער צו פרידין.

4.

גייען מיר צום מאטין.

קומענדיג אהיים, האט פייוויל גיפונען געסט, יאכילס שוועסטער,
זיין שוועסטער קינד רבקה, זיין גוטען ברודער, זעליג דעם שלאסער;
אויפין טיש איז גישטאנען דער סאמאוואר, משקה מיט גארבייקין.
לכבוד פייוולען איז געווארען, איבער אנייעס, אצוקוקינגעס,

מיט (דיא שוועסטער

מיט אשלום עליכם, דאס האט נאר אקליינע ווײלע גידויערט, האבין זיך אלע בערוהיגט; יאסיל האט גיבעטין זעלינין, ער זאל אים איצט ענדיגין דעם אין דער פריהיגען ספור, ער איז גערין הויסען דעם סוף.

— „דער צייל גוטער ברודער! דער צייל!" האט פייוויל פריילּיך גענאגט: הגם איך האב דעם אנפאנג ניט גיהערט, וועל איך מסתמא פאר שטיין פון סוף, אונ אויב דוא וועכט חשק האבין, וועסט דוא מיר דער נאך דעם אנהייב דער ציילין; איך מיינע ליבע, וועל אייך, אויך וואס דערציילען...

— גידיינקסט דוא יאסילע, בייא וואס מיר זיינען גיבליבין?

אשיינע פראגע! דוא האסט גיענדיגט, וויא איר האט אייך גיזעצט אויפין באנק.

— אמת!... דער בייא בין איך גיבליבין, נוא איצט הערט ווייטער.

— מיינט ניט, אז דאס וואלט בייא מיר גיוועזן אהיזק נאר פון צעהען רובּיל, האט דיא קריילין צו מיר גיזאגט: נאר פון זעקס טויזענט רובּיל! איהר פאר שטייט? נאך מיט צוואנציג יאהר צוריק איז פאר דעם פינגעריל אזי גיצאלט געווארען זעקס טויזענט רובּיל!...

הערענדיג, אז בייא מיר אין האנד איז גיוועזן אזא מציאה, האט זעליג געזאגט: איז מיר קאלט געווארען אונטערין צונג. סטייטש אזא סומא, אין איין ווײלע וואלט איך געווארען אגביר, האב איך גיטראכט.

— „איהר האט רעכט!" האט דיא פריילין מיר גלייך אין דיא אויגען קוקינדיג גיזאגט: מיר גיט צו גלויבין; איהר מאגט אייך טראכטין, אז דער פינגעריל איז ווערט, ניט מער וויא צעהען רובּיל, איהר קויפט אים ניט, אונ איך פאר קויף אים ניט... נאר גלויבט מיר, איך שווער אייך בייא אלעם הייליגין, אז ניט דער היזק, ניט דיא שמחה, האט ארויס גירופין מיינע טרערין!... זעקס טויזענד רובּיל, איז טאקע אסאך געלט, וואס איין אנדערער

איז מיט זייא גליקליך, אונ אָן זייא אונגליקליך, נאר בייא מיר האָבין זעקס טויזענט רובּיל ניט קיין גרויסע ווערט; איך בּין גינוג רייך, איך בּין בּייא מיין רייכין פאָטער אבת יחודה, מיין פאָטער איז אגביר פון הונדערט טויזענט רובּיל, אונ מער... נאר ווען דער פינגעריל וואָלט געווען ווערט ניט מער וויא איין קאָפּיקע, אידר הערט? איין קאָפּיקע, וואָלט איך אויך דאָס זעלבּיגע געוויינט"...

— איך מוז אייך מיינע ליבּע זאָגען דעם אמת! האָט פייוויל געזאָגט: אז די פריילין האָט בּכּוח, אָפּ נעמען בּייא יעדערין, זיין האַרץ מיט די נשמה, מיט דעם לעבּען, ניט נאר מיט איר שיינעם ליבּטיגען פּנים, מיט אירע קלוגע פייער שטיסידיגע אויגען, נאר אפילו מיט אירר מויל, מיט איר ריידען אויך! אירע ווערטערלעך שיטען זיך בּאי איר וויא פּערלעך; הערענדיג וויא זיא רעדט, פאַר געסט מען אַלעם דינג, מען פאַר לירט דיא איינענע מחשבות, דעם איינענעם, איבּער לייגונג, עס דאַכט זיך אז יעדער וואָרט איז קודש קדשים, אונ אזויא איז דאָס אין דער ווירקליכקייט.

בּאי מיר אין האַרצין, טיף טיף, האָט זיך געוואָוועט אכעס, אפאַר דראָס אויף זיך אַליין, פאַר וואָס בּין איך זיא נאך גילאָפין? וואָס האָבּ איך זיך געהיילט זיא אָפּ געבּען? דאָס וואָלט דאך גיווען אכשרע לעפיל, מיט א כשרע שיסיל... בּאי אידר האָבּען זעכּס טויזענט רובּל אַמשׂשות וויא גאר ניט, דיא ווערט פון אַקאָפּיקע. אונ איך וואָלט דער מיט גיווען גליקליך...

— "איך גלויבּ!" האָט זיא קוקענדיג מיר אין דיא אויגען געזאָגט: "איך גלויבּ, אז איר זייט גערין וויסען דיא אורזאַכע, פאַר וואָס דער פינגערל איז בּאי מיר אזוי טייער? אונ איך געפין זיך מחויב, אייך בּעלאַסטיגען מיט מיין ערציילונג, ווייל דאָס האָט אגרויסע שייכות, טאַקע מיט אייך אַליין... זאָגענדיג די לעצטע ווערטער, האָט זיא גיקוקט אויף דיא בּיינענע האַנטל, פון אידר זאַנטיק; איך האָבּ געפילט אַקעלט אין מיינע שפּיץ פינגער... גאָט מיינער! וואָס וויל זיא פון מיר? וואָס פאַר אשייכות האָבּ איך אהער? — דער פינגערעל איז — האָט זיא בּמעט וויא חליפּעדיג

(דיא שוועסטער)

געזאגט

געזאגט: מיין ליבע מוטער! פאר פינף יאהרין בעת זיא איז געלעגען קראנק צום שטארבין, מיט אהאלבע שעה פאר יציאת נשמה, האט זיא מיר צו גערופין, איך בין אלט געוועזן קארגע צוועלף יאהר, זיא האט מיר אפ געגעבין דעם פינגערל מיט די ווארטער: „מיין ליבע „איינציגע טאכטערל, נא דיר מיין ירושה פינגערל, דאס האב „איך פון מיין מאמען, זיא פון איר מאמען, אונ דו פון מיר, היט „אים מיין טאכטער, וויא מען היט די אויגען אין קאפ, אט וויא „איך האב אים געהיט; חלילה פאר לירסט דו אים, דער וואס „אים וועט געפינען, אונ וועט דיר אים אפ געבען, דער מוז דיין „חתן זיין, הערסט? דער איז דיין באשערטער, מיט דעם וועסט דו „גליקליך אויס לעבען דייני יאהרען, געדיינק מיין ליבע קינד!" די מאמע איז געשטארבין, דעם פינגערל האב איך ביז היינטיגען טאג געהיט... טוראדיג געהיט... אונ היינט!...

זיא האט מער ניט גערעט, אירע שיינע אויגען זיינען געוועזן מיט טרערין פאר לאפין; איך האב זיך אויך פאר טראכט, איצט איז שוין באי מיר גאנץ רעכט געוועזן וואס זיא וויינט... איך באי זיך אין הארצען, בין ווידער צו פרידין געוועזן, שטארק צו פרידין, „טייער גוט אז מען איז איין ערליכער מאן!" אזוי וואלט איך געהאט ניט מער וויא די זעקס טויזענט רובל, אונ אפשר וויניגער, אבער איצט, וועל איך זיין א יורש פון א הונדערט טויזענד רובל, מיט אצוגאב אזא שיינענדיגע כלה! נאך אירע רייד בין איך איר חתן, גיט קיין גרויסער אונגליק! אי וואס, זיא איז אגבירינטע, אגעביל-דיטע אונ איך בין? אשלאסער... אפראסטער מאנש... אויך ניט קיין אונגליק! עסין קאנפעט, גוטע ווייסע בולקע, מיט אגיבראטענע גאנזיל, אדער אזופ מיט עוף, וועל איך קיינעם ניט פאר שעמען... איך האב גאנץ גוטען אפעטיט... ריידען קאן זיא... איך וועל שווייגין! די עברי פון קדוש קאנען זי אויך ניט...— נאר בדי זיא זאל ביים ערקענען מיין גרויסע שמחה, האב איך מיט ארחמנות פנים געזאגט, „בעסטע פריילין, איר זייט אייך אומזיסט מצער. דעריבער האט אייך אייער מוטער אזוי שטריינג פאר זאגט דיא

צואה, כדי איר זאלט דעם פינגערל זייער שטארק היטען, אבער מער גאר ניט! וויא איז מעגליך אז אייער מוטער זאל אזוי דענקען? נוט וואס האט אזוי פאסירט איך האב אים גיפונען, איך בין א בחור, ניט קיין קיילעקע, ניט קיין מנוול, און ניט קיין נאר, אויך ניט קיין אלטער, ווען אבער אים גיפינט א בעטלער? א קיילעקע? א נאז, א צינייגער אין אלטער, א האנד און פים?...

— איך גלויב אז מיין ליבע מוטער האט פאר אוים גיזעהען, און געוואוסט אז דער וואס וועט דעם פינגערל געפינען, און מיר צו געבען, וועט ער זיין א פיינער, א בחור, א קלוגער, און א גליקליכער...

— איך האב געשוויגען.

— איצט אז איהר ווייסט מיין טייערער דעם שייכות וואס איר האט מיט דעם פינגערל, בעט איך אייך, קומט מיט מיר צוא מיין פאטער, מיר וואוינען דא ניט ווייט, איך וועל אייך פאר שטעלען, און באקענען מיט אים, זאל ער טאהן וויא ער פאר שטעהט...

— „גייען מיר צום פאטער!" האב איך גיזאגט, נאך א רעכטע ווייל טראכטין. גייענדיג האט זיא באי מיר זייער קלוג אוים גיפרעגט, ווער איך בין, וואס איך בין; איך האב איר אלעס דינג דער ציילט, מיין רעמעסלא, מיין קאפיטאל, וויפיל איך האב, מיין לעבען, אז איך האב ניט קיין פאטער, קיין מוטער, קיינע פריינד; און האב זיא גינעבען „אנצוהערענעש" אז זיא וועט זיין גליקליך פאר מיר.

— דער צייל שוין ניבער אביסיל! האט פייוויל גענאגט: מיר קלאפט שוין די הארץ פון שרעק, ווער ווייס וואס איר טאטע וועט זאגין?...

— „פון היילענעם קומט קיין נוטס קיין מאל ניט ארוים!" האט יאסיל גיזאגט:

„וועט גידויערין נאך פינף מינוט... גענמט בעסער ליבע

(די שוועסטער ברידער

ברידער צו לסיס׳ס, נעצט דורך די האלזער, וועט גרינגער זיין צוא ריידען.

דער עולם האט איינגעשטימט צו יאסיל׳ס פארשלאג.

5.

מזל טוב פון אלע זייטען.

— אבער איצט דער ציל! „האט פייוויל גיזאגט״: וואונדער איבער וואונדער, וויא איך בין אמטאליאר! גאש בראט טרעפט גאר ניט אזעלכע ניסים!

— יא, נייען מיר ביידע! האט זעליג אנגעהייבין זיין ספור: זיא האט מיר צבייז גיפירט אין אגרויס ארטיגין דאם; מיר זיינען דורך גיגאנגען אסאך־קארידארין מיט ציטערין, ביז זיא האט מיר גיבראכט, אין אבייך אוים גיפוצטין ציטער, אונ גיבעטין איך זאל אוויילע זיצען.

די ווייל׳ע האט גידויערט אגוטע שעה, נאר איך האב זיך דער נוארט, זיא איז ארוים גיקומען מיט איר פאטער.

איר ווייסט מיינע ליבע פריינד, אז מיר בעלי מלאכות זיינען ניט קיין פאעטין, ניט קיין מאלערס, ניט קיין קינצלער, דעריבער האט מיר קיין פאר איבול ניט, וואס איך קאן ניט אפ מאלען דעם פראכטיגען בילד פאר איך, וואס אין דער מינוט, האט זיך פאר מיינע אויגען פאר גישטעלט; איהר האט נוען גיזעהן, זומער אונ ווינטער, אין איין בדרך צין? איר זייט נוען גיוועזן, אויף יענע ביז אין הימל הויכע שנייא בארג, וואס אונטער אייערע פיס ליגט דער עוויגער שנייא, אונ פון אויבען שיט די זון אירע ליכטיגע ברענענדיגע שטראלין! האט איר נוען גיזעהן, דעם עלטער מיט דעם יוגענד גייען ביידע גיארעמט? ניין מיינע ליבע, איהר האט דאס ניט גיזעהן, אונ ביז די מינוט, איך אויך ניט! דער פאטער איז אהויבער מאנש,

מיט אשנייא ווייסע קאפּ און באָרד, יעדער גיבריזילטע האר פון זיין קאָפּ, און באָרד, האט אבאזונדער חן; ער האט מיר געגעבען א יודישען שלום עליכם, זיך געזעצט נעבען מיר, זיך אויס גיפרעגט באי מיר פון האר ביז גאָר, דער נאך האט ער מיר אריין גירופען צו זיך אין קאבינעט.

— אידר זאָגט, אז אידר פאר מאָגט אנדער האלבען טויזענט רובל!... האט ער צוא מיר גיזאָגט: פון אייער צד איז דאס זייער פיין, דאס וויזט אז איר זייט אקלוגער אשפּאָרזאמער יונגער מאן, אז איר האט גיקאָנט פון שלאָסעראי צו זאמען קלייבין די סומע; מיר פרייט דאס, און ניט מיר האָפפונג, אז איר וועט זיין מיין זוהן... באי אייך וועט זיך אין די האנד גיפינען אקאפּיטאל פון קין אלפים רובל, וועט איר אויך ווייסען, וויא צו היטין, וויא צוא קלייבין, וויא צו שפּארין... איך זעה אז דאס איז אבאשערטע זאך, פון די השגחה, מיין גישטארבענע פרוי איז גיוועזן אהעבמט קלוגע, כסתמא האט זיא פאר אויס אזעלכעס ארויס גיזעהן; אייער געלט דארפין מיר ניט, נאר מארגין אווענד צום תנאים שרייבען, וויל איך אייך בעטין, אז איר זאלט אייער געלט האבין אין גאנצען באי זיך, און אויב אייך איז מיגליך, באקומען באי אייערע חברים באי אייערע בעקאנטע נאך אטויזענט רובל, וועט דאס זיין זייער שיין, אין תנאים וועלין מיר שרייבין, אז אייך גיב איך 50 טויזענט רובל נדן, און איר גיט די כלה צידהרונג אויף 2500 רובל, זאלען די פרעמדע זייטיגע מאנשען מיינען, אז אידר זייט אויך אגרויסער גביר, וויא באלד איר גיט אזעלכע כלה מתנות... איר פאר שטייט? אייערע צוייא טויזענט פיער הונדערט רובל וועט איר באלד נאכען תנאים, פאר אלע נאכט אין די אויגען אויס ציילין אויפען טיש און אפּ געבין די כלה... קיינער דארף קיין מעשות ניט ווייסען, אויף מארגען וועט זיא אייך, די פרעמדע טויזענט רובל אפּ געבען, און אפילו אייערע אייגענע אויך! אויב אידר קאנט אזוי טאהן, וועט מארגין זיין תנאים! איך האב מבטיח גיוועזן, אז מיט אלע מיגלעכקייט, וועל איך צו זאמען לייען געלט פון מייגע חברים, איך וועל טאן,

(דיא שוועסטער) ווא

וויא פאר איך אין פיינער אונ שענער! מען האט גיגעבען משקה, מיר האבען אהאלבע שעה צייט, נוט פאר בראכט, אונ זיך צוא געגענט ביז מארגען אוועגד.

איך האב מיין הבטחה, וויא קלערט איר? געווים מקיים גיוועזען, קאם דער לעבט, דער וואָרט דעם אנדער אווענד, איך האב זיך אוים געפוצט וויפיל מיגליך איז גיוועזען, געשאבען גישקראבעט די האנד, ביז בלוט, אונ זיי ריין גימאכט, זעכם אזייגער פאר נאכט בין איך מיט אפייטאן אוועק גיפארין צום תנאים.

צייט איך וועל לעבען, וועל איך מיינע ליבע, דעם אווענד ניט פאר געסין, די גרוים ארטיגקייט, דיא פיינקייט, די רייכקייט, אין ניט איבער צו געבין; נאסט האבין זיך פאר זאמעלט ניט פיל, באי צוויי מנינים, נאר אלע רייכע לייט, אלע גבירים; מען האט געשריבין דעם תנאים אויף רוססיש, (ער האט פון בוזים ארוים גינומען דעם תנאים אונ זיי געוויזען...) מיר איין געשריבען פופציג טויזענט רובל נדן, אונ איך די כלה צוויי טויזענט מיט פינף הונדערט רובל מתנות, אונ טאקע באלד זיי אוים געציילט אויפען טיש פאר אלעמען... ביז צוויי אזייגער נאך האלבע נאכט האט מען אלץ געהולעט; דער עולם איז צו פארין יעדער אהיים; איך בין נאכט-געבליבין באי די כלה, פאר טאג, האבין מיר זיך גיזעגינט, אונ צו גאנגען יעדער אין זיין צימער שלאפין!

— אונ ווען איז איין גישריבען חתונה?" האט יאסיל גיפרעגט.

— אין ניסן, באלד וויא ביידע צדדים וועלען גיפינען פאר פאסיג אונ גוט!

— זייער רעכט! זייער גוט! מזל טוב ברודער, מזל טוב דיר! האט פייוויל גיזאגט: זעה זע, אז באלד נאך דער חתונה, זאלסט די אריין קריכענדיג אין מזרח וואנד, פאר רייסען דעם נאז... בלאזין אינ שארען פון זיך, וויא פאר דער נסיעה... הערסט אז דו וועסט אונז באגעגענען, זאלסט דוא זיך פאר קרימען דעם פנים... זיך באכין ניפיינערט, וויא דו קאנסט אונז ניט... וועלין מיר דיר בעטין צו גאסט, צו אונז, זאלסט דוא למעה באי אונז קיין קאמאר ניט

(דיא שוועסטער)

באקומען

באקומען ... דיינע פינגערלעך, דיינע גלידערלעך, וועלען מסתמא ווערין גינוג עדעל ... הא? וויא מיינסט דו גוטער ברודער? דוא וועסט דאך מסתמא ווערין אנאבאי אין די גרויסע שוהל? פאר געס ניט, אונז אפעטינקע עליה ... אשלישי, אששי, איין אחרון, א חוק ... א, דאס איז גישמאק! ... נו גערייגק! ...

— ניין, ניין, גוטער ברודער, זאי דו מיר ניט חושד, מיר וועלען תמיד זיין די זעלבינע גוטע ברידער, די זעלבינע חברים וואס איצט ... איך וועל באי מיין טייבל, נאך דער חתונה קיין דעות ניט פרעגין ... נו אט איצט ברודער פייוויל, דער צייל דיין געשיבטע.

פייוויל האט וואָרט אין וואָרט איבער דער ציילט זיין גישיכטע,
וויא זיא איז שוין אונז בעקאנט, ניט מער אונ ניט ווייניגער.
מזל טובן, האבען זיך ווידער פון אלע זייטען גישאטן.

6.

נאך דעם דאזיגען פריילעכין אווענד, דינגען זיך, וויא אמרית מארגענדיגער מחוי, צוועק גאנצע פיר וואכין, אונ די פיר וואכען האבען איבער גידרייט, איבער גימאכט פון וויים — שווארץ, פון ליבטיג — פינסטער! פון פרייד — לייד, פון גחמה — יציאת נשמה ...

פייוויל האט זיך איבער גיגעבין צו זיין שוואגער אונ צו זיין כלה אין די האנד מיט זיין גאנצען לייב אונ לעבען! דער שוואגער האט אים פאר גישטעלט גרויסע גליקען, גאלדענע בארג, אונ מיט גוטע קלוגע גלאטע רייד, האט ער באי פייוולען געמאכט אגרויסע הלואה ... פייוויל האט אפ גענומען פון באנק, זיינע טויזענט רובל, אונ זיי אפ גיגעבין דעם שוואגער (פייוויל מיט זיין כלה׳ס ברודער, האבין זיך ביידע, באלד פון ערשטין אווענד גאבין היילינען בונד, זיך גערופען שוואגער ... דאס איז גיוועז דעם צאהנטין טאג! נאך מיט אפאר טאג שפעטער, האט פייווי

ימוזט האבין אהלואה פון זעכס הונדערט רובל באי זיינע חברים !
ונ מיט נאך אפאר טאג שפעטער , האט מען אים „גייט" ער
אל באקומען נאך א פינף הונדערט רובל... נאר דא האבין זיך די
קמען אפ גישטעלט , אונטערין בארג ; פייוולען איז גיווארין ניט
וט... זיין הארץ האט אים אנגעהייבען וייער שרעקין... אונ טאקע
גאלד אויפען צווייטין טאג אז ער האט די גיפאדערסטע סומא ניט
קאנט געבין , האט זיך זיין היטעל פאר חמארעט... פייוולען איז
יווארען פינסטער אין די אויגען , קאלעמוטנע אויפען הארצין...
י כלה האט אויף גיהערט מיט אים ריידין , אנגעהייבין זיך בעהאלטין
ון אים... אונ דער שוואגער האט אנגעהייבען פרעגין , ביי
קענדיג , וואס לויפט ער אלע אוועק ?..."

יאסיל האט באמערקט , פון פייוולס טויד בלייכען פנים , אז
וט אים איז ניט פרייליך .

פייוויל האט אויף גיהערט עסען , שלאפין , אונ ריידין , תמיד
יז ער גיוועזן פאר טראכט פאר זארגט , פאר מרה שחורה'דיג ! נאר
רעגין האט ער אים ניט גיפרעגט , יאסיל האט געווארט , אז פייוויל
ל אליין אנהייבין דער ציילין .

אונ יאסיל האט זיך דער ווארט .

דאס איז גיוועזן די פערטע וואך פון יענעם גליקליכען אוועק ,
ף אזיינער באי נאכט ; יאסיל איז גילעגין אויף זיין גילעגער , אונ
וואלט שלאפען ; פלוצלונג האט זיך די טיהר גיעפינט מיט רעש ,
ן ציט'ער איז אריין אמשונה באשעפענעס ! ניט טויד ניט לעבעדיג ,
אט זיך יאסיל ארויב גיכאפט פון זיין גילעגער , צו לויפענדיג צו די
יאה , איז ער גיבליבען שטיין אפארקילטער , אפאר גליווערטער ...

— „גאט מיינער ! וואס איז פייוועלע מיט דיך !" האט יאסיל
ט זיין קול גישריען , ווער האט דיר אזו צו הרגעט , צו שלאגען ,
בלוטיגט , צו ריסען דיינע קליידער !

נאר פייוויל איז גילעגען אטויטער , אן לשון...

אז מען האט אים צו זיך גיבראכט , האט ער דער ציילט זיינע
ויסע צרות :

קומענדיג פאר נאכט צו דיא כלה, האט מיר איהר ברודער באגעגענט אויפען טיהר מיט עטליכע שלעכטע ווערטער, און מיר גיהייסען גיין ווייטער, איך האב אים גיזאגט: „גיט מיר אפ מיין געלט, און גאט איז מיט אייך!" — „דו ווילסט געלט?" „נא!" און איז מיר אריין גיפארין מיט א בינטל פינגער אין באק... דער פאטש איז גיוועזען זייער אונגעריכט און זייער גרויס, נאר באלד ווי איך בין גיקומען צו זיך, און האב דעם גזלן מיינעם אנגענומען פארען האנד, אזוי שטארק, אז ער האט אנגעהויבען שרייען... נאר, איך האב העכער געשריען, גיב מיר אפ מיין געלט... און אויף דעם געשריי זיינען אריין גיקומען א שטיק פינף אדער זעקס מאנשין, און מען האט מיר צו שלאגען צו הרגעט, צו בלוטינט, צו ריסען מיינע קליידער, און ארויס גישליידערט כמעט א טוידטין אויפען גאס; וויא לאנג איך בין גילעגען, ווייס איך ניט, נאר אז איך בין גיקומען צוא זיך, האב איך זיך דער מאנט וואס מיט מיר האט פאסירט, און האב זיך אוועק גיקראבקעט אהיים...

יאסיל האט אויס גיהערט די אומעדיגע געשיכטע, און האט גיגעבען ניט מער וויא א זיפץ... ער האט ניט געוואלט ריידען, שיטין אויף פייוולס גרויסע וואונדען, פעפער מיט זאלץ...

די גאנצע נאכט. און אויף מארגען דעם גאנצין טאג, איז פייוויל גילעגען, אין א גרויסע היץ; נאר דער דאקטאר, וואס יאסיל האט גירופין, האט גיזאגט אז ביז דעם מעת לעת וועט דיא היץ אפ גיין, ער וועט זיין געזונד, און דאס איז גיוועזען ריכטיג.

אויפען צווייטין טאג איז פייוויל גיוועזען גיזונד, זיין גאנצע געשיכטע, האט ער איבער גיגעבען דעם סליעדאוואטעל, אליין האט ער זיך גינומען צום ארבעט, ער זאל פאר דינען, און אפ געבי[ן] דיא פיר הונדערטער פרעמדע געלט וואס ער האט געליען באי זיינ[ע] חברים. — אויפען דריטען אוועגד, אז פייוויל מיט יאסלען, זיינע גיזעסין ביידע, און גערעט פון די עברדיגע געשיכטע, האט זיך ד[י] טיר גיעפינט און זעליג איז אריין געקומען, פייוויל מיט יאסלע[ן] האבען זיך פאר אים דער שראקען... אויף זעליגס פנים איז גילעגי[ן]

(דיא שוועסטער)

אמין שנעון ... אצומישונג, זיינע אויגען האבּין געקוקט נישר
ביסטרע ... זיין פּנים איז געוועזען שוואַרץ ווי ערד ...

— „זעלינ ברודער, איך בין שוין אויס חתן !...‟ האט
ייוויל אוים געשריען פאר שטייענדיג, אז מיט זיין שדוך איז אויף
ים גל-ט ...

— און איך אויך ! ...

— איך האב דער באקט מיין גאנצען איינענם, און פרעמדם
גויף, נאר זארגען דארף מען ניט ! האט פייוויל פריילעך גיזאגט.

— און איך אויך ! ...

— מיר האט מען ברודערקע צו הרגעט, צו בראבין די ביינער,
אם לעבעדיג גילאזען ... — און איך אויך ! ...

צו ביסלעך האט זעליג אנגעהייבען ריידען, און דער ציילען
אם מיט אים האט פאסירט.

— „איך בין גיקומען אזיינער פינף פאר נאכט צו מיין כלה,
ויא איך האב די מיר גיעפינט, זעה איך — מיר איז בשעת מעשה
היפּש פינסטער גיווארען אין די אויגען — אז מיין כלה זיצט
אַרימט מיט איונגען מאן, און מען קומט זיך, וויא צוויי טייבעלעך
ויף מארגען נאך דער חופּה, איך האב פון שרעק קאם אוים גירעט
דריי ווארטער : ‚וואס איז דאס ? ...‛

דער אנטווארט איז גיוועזען אנא גילאכטער פון מיין כלה מיט
ר געליבטען, אז איך בין פון אים צו טומילט, צו מישט שטיין
גליבען ביים מיר, ניט צו וויסען וואס איך זאל טאהן.

קומענדיג צו זיך, בין אריין אין דעם צימער וואס איר פאטער,
ר זקן זיצט, און האב אים ווייענדיג דער ציילט, די גרויסע עולה...
ר אלטער האט זיך אויך צו לאכט ...

— וואס לאכט איהר מחותן ?

— וואס וויינסט דו חתן ?

— וואס הייסט ? וויא זאל איך ניט וויינען ? ניט מיר א
נגע געלט !

— אבער וואס דארפסט דו וויינען ?

(די. שוּעסטער)

[illegible]

— וואס דען , זאל איך טאהן ? פון יסורים , פון צרות .

— אט אזוי פרעג , שוטה איינער ! האט דער אלטער לאבענדיג געזאגט : "פון אזעלכע צרות , שלאגט מען זיך קאפ אן וואנד , מען טרינקט זיך , מען שיסט זיך ... אבער ניט וויינען ! ...

הערינדיג די עצה טובה , האב איך געעפינט א פאר גרויסע אויגען , דער אלטער האט געוויס געמיינט , אז איך שלינג אים איין .

— טראג זיך פון דאנען , וואס גיכער , דו שארלאטאן !

— מיין געלט ! מאשעניק ! האב איך געשריען , געבענדיג אטראסק מיט מיין קולאק אן טיש , האבין די שויבען אנגעהייבין ציטערין .

דער אלטער האט אן פיל שהיות , מיר מכבד גיוועז מיט א גרויסין פראסק אין פנים , אז פונקען זיינען מיר ארויס פון די אויגען ... איך האב אבער דעם אלטין רוצח , אחאפ גינעבען באי זיין שיינעם בארד , אונ ... זעליג האט זיך ביים "אונ„ אזוי צו לאכט , צוא חאחאטשעט , אז זיינע חברים האבין געמיינט , אים איז מיט איין מאל אן געפאלין דער טרוף מיט דעם משוגעת ... זיי האבין אים גילאזין , זיך גוט אויס לאכין , דער נאך האט ער אנגעהייבין , זיך איין האלטענדיג פון גילאכטער דער ציילין .

אונ מיט מיין איין שלעפ , האב איך באי אים ארויס געשלעפט זיין בארד מיט זיין ווייסע קאפ , מיט דעם פנים ...

"איז דאס גיוועז א מאסקע ?„ האבין ביידע חברים אויס געשריען

— א שטיינער א מאסקע , דער בעל דבר איז ארויס בארדינגע גלב , א גלוח , א יונגער שנעק פון א יאהר 28 , ניט מער ! איך האב זיך באלד גינעבין אחאפ צו אים , אונ אז ניט זי מיט איר געליבטען וואלט ער מיר מיט בייזין אפ גינעבין ביז א פרוטה , ווען ניט וואלט איך אים דער ווארגען ; זיי האבין אנגעהייבין פייפין , קלינגען , א חברה , די אלע מחותנים וואס זיינען אויפין תנאים געוועזן , זיינען אלע ווי די מלאכי חבלה מיר בעפאלין , אונ מען האט מיר שיעור ניט דערהרגעט , איך בין קאם לעבעדיג פון דארטין אנטלאפין .

— קוים לעבען מיר גוטער ברודער , דארפין מיר ניט זארגין

האט פּיוויל געזאָגט; איצט מוז מען זיך פּליטין צוא דער אָרבּעט נעמען, גיטוג פּלומות אוים גליקן, אוים פוסטע מזלות!...

7.

נאָך דיא אויבּענגעשריבּענע געשיכטע, איז פאר באי אגאנצער האלב יאָהר. זעלינ איז שוין ווידער אהטן גיוואָרין, נאָר ניט פאר יענע; ער האט זיך איצט שוין גוט געהיט; יאסילס שוועסטער, איז געוואָרין זיין כּלה, אויף יענע צרות, האט ער שוין כּמעט פאר געסין, די געליענע געלט האט ער שוין אם גינגעבען; דאס זעלבּיגע פּיוויל; יעדער מאל טען זיי קומען ביידע צו זאמען, דער ציילט יעדער דיא אלטע געשיכטע, די פריידין מיט די ליידין; דער פּליעדאנואטעל, און פּאליציי, האבּין פאר דיא גאנצע ציים, גיט געקאנט עטוואס מאכין אשטיקעלע פּליאד, ניט פון פּיווילס, און ניט פון זעלינס חברה, נאָר אונגעריכט, זיינען די חברה גזלנים פאר סאמע געוואָרין!

אין איינעם פון די שיינע פריה מארגינס, פון חודש מאי אין 189..., איז זעלינ מיט זיין כּלה, און פּיוויל מיט יאסלען, אלע זיינען גענאנגען שפּאצירין, מאכין "מאי-יאגע לופט„; אין דער צייט פלעגין זיי קיין מאל ניט גיין שפּאצירין; נאָר ווייל דאס איז געווען איום טוב טאג, און לכבוד די כּלה, זיינען זיי איצט געגאנגען.

פּלוצלונג האט זעלינ גיטעבין אשפּרונג, ווי אשלאנג וואלט אים אונטער זיינע פים גילעגין, געלאזין די כּלה שטיין, ער איז ווי אטינער צו געלאָפין צוא אפּרויענציטער, וואס איז זיך פאר טראכט גיזעסין אויף אבאנק און זי אנגעטעגדיג פארין האנד, האט ער אוים געשריען ידו דער קאנסט מיר? בת יהודה, מיין געלט!...

די מיידיל איז געוואָרין מויד און רויט, זי האט זיך אזוי דער שראקין אז זיא איז געבּליבין וויא שטום...

דער טיילע איז צו געקומען יאסיל מיט פּיוויל.

— אָ! ליזע מיין כּלה... דאס בינסט דוא מיט דיין כּבוד?...

האט פּיוויל לאכענדיג געזאָגט.

(די שוועסטער)

— דאס איז געוועזן מיין נזלינטע! האט זעלינ געזאגט.

— און מיינע אויך! האט פיוויל גיענטפערט.

— האט די איינע אונז בידין אזוי פיל אונגליקליך געמאכט.

— וואס עפעס אונז בידין, ווער ווייס וויפיל נאך הונדערטע וויא מיר זיינען...

— לויף רוף פאליצייא יאסיל! האבין ביידע חתנים געזאגט. נאר אין דיא זעלביגע מינוט וואס פאליצע איז געקומען, זיינען געקומען פינעף פון דיא גזלנישע חברה, וואס האבין זיך מיט גרויס רציחה געווארפין אויף פאליצייא; סוף כל סוף האבין דיא לעצטע מנצח געוועזן, צוויי זיינען אנטלאפין, און דריי, מיט די מיידיל האט מען פעסט גענומען.

דעם זעלבעגין טאג, זיינען געוועזן פאר האפט, דאס מערסטע געסטין פון דיא חברה, מען האט זייא געטאהן זייער רעכט, אלע חקירות ודרישות, האבין אויף זיי קיין גוטעס ניט דער וויזין... קיין גרויסער כבוד פאר אידין, און פאר יודענגעמהוס זיינען ניט אזעלכע פארדארבענע בעטריגער! נאר אז דיא תורה שרייבט "ובערת הרע מקרבך", ווייזט אויס, אז א משפחה אן א פסול קאן ניט זיין! א שאנדע איז דאס, און ליידין מוז מען; נאר גרינגער, פרייליכער אויפין הארצין ווערט, אז מען רוימט אויס דיא מישט פון שטוב, און מען פארנוארפט דיא מישט גאנץ ווייט... סיביר סאחאלין, נאך אזעלכע מקומות, זיינען די בעסטע ערטער אויף צו שיטין מישט...

פיוויל און זעליגם היזק האבין זיך אומגיקערט; זייא זיינען געבליבין ערליכע שטילע מאנשין, גוטע בעלי מלאכות, וואס האבין זיך תמיד מיט זייער טרוד, מיט זייער יגיעה געשילט, מיט יעדער גוט-באדערפטינין, מיט יעדער ארעמען און אונגליקליכין.

ענדע

(די שוועכמער)